ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



## כ"ו טבת תשס"ה

## פרשת וארא

טייערע קינדער שלוחים,
א גוט'ן ערב שבת. אויף דעם פארגאנגענעם מיטוואך איז געווען כ"ד טבת, דעם יארצייט פון דער אלטער רבי. דער אלטער רבי האט אנגעהויבן חסידות חב"ד, וואס דער ענין פון חסידות חב"ד איז חכמה בינה און דעת– וויסן, פארשטיין און ארויפנעמען די פארשטאנד לפועל.
יעצט דארפט איר די טייערע שלוחים פון דער רבי וואס זיינען א חלק פון דעם לאנגע קייט פון דער אלטער רבי, אננעמען החלטות אויף צו לערנען און פארשטיין מער אין חסידות.
און בעיקר אלס די שלוחים, צו פארשפרייטן די הייליקע רייד פון חסידות איבעראל. דורך דעם דערנענטערט איר דעם צייט פון גאולה ווען מיר וועלן זעהן דער אלטער רבי און אלע רביים, און דעמאלט וועלן זיי אייך אפדאנקען אויף אייערע הייליקער ארבעט!!
רעדאקטאר איידלה וועכטער

# לעבען מיט דער צייט

## פרשת וארא

*וגאלתי אתכם בזרוע נטוי" ובשפטים גדולים*

די ערשטע "מלחמה" פון אידן איז געווען – קעגן פרעה מלך מצרים.

און דער פסוק דערציילט ווי אזוי דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים "ביד חזקה ובזרוע נטוי"" (מיט א שטארקער האנט און אן אויסגעשטרעקטן ארעם), ווי דער פסוק זאגט: "**לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי במסות באותות ובמופתים ובמלחמה וביד חזקה ובזרוע נטוי**"" - דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים מיט א מלחמה מיט א שטארקער האנט און אן אויסגעשטרעקטן ארעם.

דער פארשטייער פון "פרעה" און "מצרים" אין אונזער צייט - איז דער יצר הרע, וואס וויל, רחמנא ליצלן, אז א אידיש קינד זאל זיין ביי אים א קנעכט, און זיך אויפפירן לויט ווי דער יצר וועט אים אנזאגן.

בשעת אידישע קינדער פון "צבאות השם" פירן די מלחמה קעגן דעם יצר הרע, לויט די אנווייזונגען פון דעם אויבערשטן , דער "קאמענדער–אין–טשיף" פון צבאות השם, קען מען זיין זיכער, אז דער אויבערשטער וועט זיי העלפן צו מנצח זיין דעם יצר הרע און זיך באפרייען פון אים.

נאר עס פאדערט זיך אז מען זאל פריער אליין פירן די מלחמה קעגן דעם יצר מיט א שטארקייט ,"ביד חזקה ובזרוע נטוי"", אז כאטש דעם יצר וויל אים פארטומלען, רעכנט מען זיך ניט מיטן יצר און מ'ווערט אינגאנצן ניט נתפעל פון אים: מען באקעמפט דעם יצר מיט אידישע כלי זיין - וואס זיינען דעם אויבערשטנ'ס מצוות!

און דעמאלט העלפט דער אויבערשטער, און באפרייט אים פון זיין יצר הרע און נאך מער: דער יצר הרע ווערט "דערטרונקען" אין "ים סוף" ביז עס בלייבט ניט איבער פון אים קיין רושם כלל וכלל!

ובמילא האט מען די אמת'ע פרייהייט, מ'ווערט באפרייט פון יעדער זאך וואס שטערט צו דינען דעם אויבערשטן, און מען דינט דעם אויבערשטן מיט אמת'ער שלימות און אמת'ער באפרייאונג.

און דעמאלט ווערט מקויים וואס שטייט: "**כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות**" - אזוי ווי די וואונדערס וואס דער אויבערשטער האט אונז באוויזן ביי יציאת מצרים, אזוי וועט ער באווייזן אונז וואונדערס בביאת משיח צדקנו.

ווארום ווען דער אויבערשטער זעט, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס אידישע קינדער געפינען זיך אין גלות, פירן זיי זיך אויף אין זאכן פון אידישקייט ווי א "בן חורין", א פרייער מענטש, פריי פון יעדער זאך וואס שטערט צו דינען דעם אויבערשטן ווי עס דארף צו זיין, פארשאפט דאס דעם אויבערשטן א גאר גרויסן נחת רוח, און ער ברענגט די גאולה האמיתית והשלימה.

(המשך אין עמוד 2)

# דעם חסידישן לוח

## כ"ח טבת

יום הולדת פון רביצין חנה– אם המלכות.



אויף כ"ח טבת אין יאר תר"מ איז רביצין חנה געבוירן געווארן אין שטאט ניקאלאייעוו צו הרב החסיד ר' מאיר שלמה ינובסקי דער רב פון ניקאלאייעוו און זיין ווייב רביצין רחל.

זי האט שפעטער חתונה געהאט מיט הרב החסיד ר' לוי יצחק שניאורסאהן וואס ער איז געווען דער רב פון יעקאטרינאסלאוו. ווען ער איז געשיקט געווארן צו גלות אין אלמא אטא איז זי מיטגעגאנגען און האט אים געהאלפן מיט אסאך מסירת נפש צו מאכן טינט פון גראז פאר זיינע כתבים. דער רבי שרייבט אסאך וועגן די גרויסע מסירת נפש פון זיין מאמע, און ווי אזוי די מסירת נפש האט אונז יעצט געהאלפן אז מיר האבן יעצט די הייליקע כתבים פון ר' לוי יצחק בזכותה.

*(המשך לעבען מיט דער צייט)*

און פונקט ווי ביי יציאת מצרים איז "לא עכבן המקום (אפילו) כהרף עין" - ער האט ניט פארהאלטן אידן אין גלות אפילו איין איבעריקע סעקונדע, אזוי אויך נעמט דער אויבערשטער אונז ארויס פון דעם איצטיקן גלות אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין" - ער לייזט אונז אויס באלד, "משיח נאו"!

(פון דער רבי רעדט צו קינדער *משיחת ח"י ניסן תשמ"ה*)

ב"ה



# דערציילט מיר א מעשה

## מח שליט על הלב – דער אלף פון חסידות

*אין דער רייד און כתבים פון דער פריערדיגע רבי' ווערט דערציילט אז ר' משה מייזליש האט איינמאל דערציילט ר' אייזיק האמלער אז "דער אלף פון חסידות האט מיר געראטעוועט פון א זיכערן טויט!"*

*(דער אלטער רבי' שרייבט אין תניא פרק ט' אז דער טבע פון דער קאפ איז אז עס געוועלטיקט איבער דעם הארץ – "מח שליט על הלב" – און דאס איז דער אלף פון חסידות.) און דאס איז געווען דער מעשה....*

דער אלטער רבי'ס דעה איז געווען קלאר. אויב נאפאליאן וועט געווינען די מלחמה וועט דאס מאכן א גרויסער ירידה אין אידישקייט. דער אלטער רבי האט געזאגט אז מען מוז זיכער מאכן אז רוסלאנד זאל געווינען.

דער אלטער רבי האט אריינגערופען זיין חסיד ר' משה מייזליש און האט אים געגעבן א וויכטיגע שליחות. ר' משה האט געוואוסט אסאך שפראכן– דייטשש, רוסיש, פויליש,און פראנצויזיש. האט ער געהייסן ר' משה גיין צו נאפאליאן, און ארבעטן פאר זיין ארמיי אלץ אן איבערזעצער, אבער באמת איז ער געווען דארט צו זיין א שפיאן און איבערגעבן אלץ וואס ער הערט צו די רוסישע זייט.

ר' משה איז געגאנגען, און עס האט ניט גענומען לאנג ביז מען האט זיך זייער פארלאזט אויף אים. ער האט געהערט אסאך סודות, און האט זיי גלייך איבערגעגעבן צום רוסישן ארמיי.

"איינמאל", דערציילט ר' משה, "זיינען די העכסטע מענטשן פון די פראנצויזישע ארמיי געווען אין אן אסיפה. זיי האבן געפלאנט אן אטאקע אויף דעם שטאט ווילנע דעם נעקסטן טאג.

פלוצלונג, האט זיך דער טיר געעפנט מיט א קלאפ! דער סאלדאט פון אינעווייניג האט גלייך גענומען זיין ביקס. מען האט געמיינט אז דאס איז זיכער אן אטאקע פון דער פיינט.

אבער עס איז ניט געווען דער פיינט, נאר נאפאליאן אליין. ער איז געווען זייער נערוועז. 'איז אלץ גרייט אויף מארגן? האט מען שוין געענדיקט פלאנירן דעם אטאקע?' האט ער געשריען אין גרויס צארן.

'און ווער איז דער פרעמדע מענטש?' האט ער געשריען, און זיך געדרייט צו מיר 'דו ביסט א שפיאן פאר רוסלאנד!' האט ער אויסגערופען, און ער האט גלייך געלייגט זיין האנט אויף מיין הארץ צו פילן אויב מיין הארץ קלאפט ווי איינער וואס מען האט געכאפט אין מיטן טאן עפעס שלעכט.

אבער דורך די יארן פון חסידות לערנען איז מיין קאפ געווען איינגעוואוינט צו געוועלטיקן איבער מיין הארץ, און מיין הארץ האט געקלאפט ווי נארמאל. ' איך ווייס אסאך שפראכן.' האב איך געזאגט. 'און דערפאר ארבעט איך דא אלץ אן איבערזעצער אייער כבוד'ס וועגן.

נאפאליאן האט אים ניט געענטפערט נאר ער איז גלייך אוועקגעגאנגען פון מיר.

***און דאס איז וואו ער אלף פון חסידות האט געראטעוועט מיין לעבן!***

## משיח נאו

*דער רבי זאגט אונז אז אין זכות פון די אמונה פון אידן קומט די גאולה. פון דעם לערנען מיר אז מיר מוזן שטארקן אונזער אמונה אין די רייד פון דער רבי אז "אט אט קומט משיח". און די אמונה אליין ברענגט עס שנעלער!*

## כ"ד טבת

כ"ד טבת תקע"ג איז דער יארצייט פון דער אלטער רבי.



דער אלטער רבי איז געבוירן געווארן אויף ח"י אלול תק"ה, צו זיין עלטערן ר' ברוך און רביצין רבקה.

דער אלטער רבי איז געווען א חסיד פון דער מגיד און דער אלטער רבי האט גענומען דעם יסוד פון חסידות און האט מיט דעם אנגעהויבן חסידות חב"ד.

אין סוף פון זיין לעבן, האט נאפאליאן, א גרויסע פיהרער פון פראנקרייך אנגעהויבן מלחמה האלטן מיט רוסלאנד.

נאפאליאן איז געווען דער הויפט קאמאנדיר פון די פראנצויזישער ארמיי וואס ער האט געוואלט איבערנעמן רוסלאנד. עס זיינען געווען אסאך אידן וואס זיינען געווען זייער צופרידן אז נאפאליאן וועט קומען און ראטעווען גאנץ רוסלאנד פון דעם שלעכטן רוסישן צאר.

אבער דער אלטער רבי האט געהאלטן אז אויב די פראנצויזישער ארמיי וועט איבערנעמן רוסלאנד, וועלן זיי מאכן א גאנצע פרייהייט אין רוסלאנד, און אוועקנעמן אידן פון אידישקייט.

יענע יאר תקע"ג פאר ר"ה האט מען געוואוסט אז דער וואס וועט בלאזן שופר דעם ערשטן וועט אויפטאן א נצחון מלמעלה. ר' ישראל פון קאזניץ איז אויפגעשטאנען און האט אנגעהויבן דאווענען גלייך און איז שנעל אנגעקומען צו תקיעת שופר. דער אלטער רבי האט עם אבער אויסגעכאפט. גלייך אינדערפרי איז דער אלטער רבי געגאנגען אין מקוה און דערנאך האט ער גלייך געבלאזן שופר.

טאקע אין דער צייט האט רוסלאנד געוואונען. און דאס האט טאקע געראטעוועט אידן דורך דעם וואס חסידות איז געווארן שטארקער.

דערפאר, איז אויף כ"ט אב תקע"ב, ווען דער פראנצייזישער ארמיי איז געקומען נענטער צו ליאדי, איז דער אלטער רבי מיט זיין גאנצע הויזגעזינד אנטלאפן פון ליאדי. ער האט ניט געוואלט זיין אין די הענט פון די פראנצייזישע אפילו אויף א קליינע ווילע. דער אלטער רבי האט געהייסן ארויסנעמן אלץ פון זיין שטוב, אפילו שטעקשיך בכדי גאר ניט איבערלאזן פאר נאפאליאן ווייל נאפאליאן איז געווען א כישוף מאכער און האט געקענט נוצן זיין כחות אנטקעגן דער אלטער רבי.

דער אלטער רבי איז געפארן צוזאמען מיט זיין משפחה און געציילטע חסידים צום דארף פיענע.

דארטן אויף מוצש"ק פרשת שמות כ"ד טבת, תקע"ג, איז דער אלטער רבי נסתלק און איז באגראבן געווארן אין שטאט האדיטש.

אויף דעם טאג פון הסתלקות גיין העכער אלץ וואס א איד האט אויפגעטאן דורך זיין לעבן. דער רבי ערקלערט אז דעם יארצייט פון דער אלטער רבי איז גאר א הויכע טאג, ווייל ער האט געהאט א נייער נשמה, און דערפאר איז ווען די ספעציעלע נשמה האט אן עלי' איז עס זייער א הויכע צייט.

אויף זיין יארצייט נעמן מיר אן החלטות אויף צו שטארקן זיך אין אונזער לערנען פון דער אלטער רבי'ס ספרים– ווי דער הייליקער תניא –און פירן זיך אין זיינע הייליקע וועגן.

בס"ד

# כ"ד טבת



## יארצייט פון דעם אלטער רבי

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ב' שבט, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

## שאלות אויף כ"ד טבת

1. ווען איז דער אלטער רבי געבוירן געווארן? ____________________
2. ווער איז געווען דער טאטע פון דער אלטער רבי? ____________________
3. ווער איז געווען דער מאמע פון דער אלטער רבי? ____________________
4. ווער איז געווען זיין רבי? ____________________
5. פון וועמען איז דער אלטער רבי אנטלאפן? ____________________
6. וועמען האט ער געשיקט אלס א שפיאן פאר די רוסישע זייט? ____________________
7. וואס האט געראטעוועט דער חסיד? ____________________
8. וואו איז דער אלטער רבי געגאנגען? ____________________
9. ווען איז דער אלטער רבי נסתלק? ____________________
10. וואו איז דער אלטער רבי'ס אהל? ____________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת וארא: דבורה לאה סלוטקי, 8**

שם: ____________________ ווי אלט: _____

אדרעס: ________________________________

אי-מייל: ________________________________

# הצלחה רבה!